באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

א. ראַבאַי

# פון שטאָט אין דאָרף אַרײַן

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"

ווילנע, ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1937

באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע,
צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי.

א. ראַבאַי

# פון שטאָט אין דאָרף אַרײַן

פאַרלאַג „נײַע ייִדישע שול“
ווילנע, o o o o o o 1937

Printed in Poland

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

Wypisy żydowskie w zeszytach
złożone przez **S. Bastomskiego**

A. Raboj

# „Fun sztot in dorf arajn“

Druk. „Express" Wilno, Wielka 33

# דאָוויד וואַלדען.

דאָוויד האָט קוים־קוים דערלעבט דעם טאָג, ווען ער האָט געענדיקט און איז אַרויס פון דער פאָלקסשול.

ער איז שוין דעמלט געווען פערצן יאָר אַלט. זײַנע מוסקולן זײַנען שוין געווען פאַרהאַרטעוועט. ער האָט געהאַט אַ ליבע צו קוקן אויף שווערער אַרבעט. געקענט אַמאָל אָפשטיין אַ גאַנצן טאָג און זיך אײַנקוקן, ווי אַ מענטש האַקט מיט אַ פיקע אָדער מיט אַ גראָבאײַזן דעם שטיינערנעם אַספאַלט, און עס איז בײַ אים געווען דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צו שטיין און זיך צוקוקן, ווי מע בויט אַ נײַ הויז.

און אין אַטלעטישע זאַכן איז ער געווען אַזוי פאַרטאָן, אַז דער טאָג איז געווען קליין פאַר אים. ער האָט נאָך אין אָוונט פון זיך אַרונטערגענומען די געווינלעכע קליידער און שיך, זיך אָנגעטאָן אין אַ וואָלענעם אָנצוג פון איין שטיק, און מיט לײַכטע גומענע שיך, און דעם גאַנצן אָוונט אַזוי אַ האַלב־נאַקעטער אַרומגעלאָפן איבער דער גאַס.

גע אָפן איז ער מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ און מיט קליינע טריט.

איז ער שוין צו פערצן יאָר געווען אַ שטאַרקער, אײַזערנער ייִנגל און האָט זיך פלוצים אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן, אַז ער מוז אַוועק פון דער היים.

עס האָט אים געצויגן צו זען די ברעגעס פון פאַסיפיק.

קיין געלט האָט ער ניט געהאַט און האָט ניט געדאַרפט.

נאָר אין איין שיינעם פאַרנאַכט, אַזוי אַז מע זאָל זיך ניט קענען יאָגן נאָך אים, איז ער זיך אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט און אָנגעהויבן זײַן „שפּאַציר" צו די ברעגעס פון פאַסיפיק.

בײַ זיך האָט ער אָפּגעמאַכט קיינמאָל ניט צו פאָרן מיט פערד און וואָגן, ניט מיט קיין שיפן און אויך ניט מיט דער באַן. סײַדן עס וועט זיך מאַכן אַ שיין פערד, און ער וועט קענען זיך דורכפאָרן אַביסל רײַטנדיק.

ער איז געגאַנגען איבער דער גאַנצער לענג פון לאַנד. זיך אָפּגעשטעלט אומעטום, וווּ עס איז נאָר געווען אַ שטוב, און די שטוב האָט געהאַט אַ דאַך.

ער האָט געהאָלפן האַקן האָלץ, און דערפאַר האָט מען אים געגעבן אַ גוטן מאָלצײַט, אַ געלעגער און געלט אויך אין קעשענע אַרײַן.

ער האָט זיך צוגעפּאַסט גיך און קלוג צו אַלערליי אַרבעטן.

ער איז ניט געשטאַנען אויף איין אָרט מער ווי צוויי־דרײַ טעג אין אַ דאָרף, און ניט מער ווי נײַן־צען טעג אין אַ שטאָט.

אין יעדן דאָרף און אין יעדער שטאָט האָט ער זיך גערופן מיט אַן אַנדער נאָמען. דאָ האָט ער געהייסן אײַזיק און אין אַ צווייטן אָרט האָט ער געהייסן

פּיליפּ, ווײַל עס האָט קיינעם ניט געאַרט, ווי אַזוי ער הייסט, אַבי ער האָט אַ נאָמען.

און איינער אַליין איז ער געגאַנגען אויף די וועגן און דורך וועלדער און אויסגעטראַכט זײַן נײַעם נאָמען און עפּעס אַ נײַע מײַסע און געלאַכט צו זיך אַליין פון די מענטשן, וועמען ער האָט ערשט געזען.

שום טײַוול!

געזען מענטשן, געזען וועלדער, פעלדער און טײַכן — אַלעמען, אָבער קיינער האָט אים ניט געזען.

און אַזוי ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען פון זײַן היים אין איין העמד און שיך, אַזוי איז ער צוריקגעקומען אין איין העמד און שיך.

נאָר זײַן אויסזען האָט זיך געענדערט. ער איז געוואָרן העכער. דער קאָליר פון זײַנע האָר און פּנים האָט זיך געביטן, און זײַנע אויגן זײַנען געווען אַרומגע־רינגלט ווי מיט לײַכטע שאָטנס און עפּעס פאַרבאָרגענעס.

ער האָט קיינעם ניט געוואָלט דערציילן, ווו ער איז געווען און וואָס ער האָט געזען.

# אויף דער פאַרם.

די וואַלדענס האָבן זיך צוביסלעך אײַנגעפּונדעוועט אין דער פאַרם, וווּהין זיי זײַנען ניט לאַנג פון שטאָט אָנגעקומען.

דעם גאַנצן ווינטער האָט דאַוויד, דעם פאַרמערס איינציקער זון, פאַרדינט מיט זײַן האַק, געאַרבעט אין די גרויסע וועלדער בײַ דער זעגמיל, ווילד הנאה געהאַט פון זײַן אַרבעט. די חברים האָלצהעקער האָבן אים ליב געהאַט פאַר זײַן שווײַגן און פאַר דער גוטער און געוויכטיקער האַנט, וואָס ער האָט געהאַט.

עס איז געווען אין דאַווידס הענט עפּעס אײַנגעבוירנס. ער האָט אויפגעהויבן די האַק איבער זײַן קאָפּ מיט איין באַוועגונג, אָדער, ווי איינער פון די אַרבע־טער האָט געזאָגט, גאָר אָן באַוועגונג. דאָס הייסט אַזוי: ער טוט אינדערניך און ניט באַמערקט אַ הייב די האַק איבער זײַן קאָפּ. ניט ווי אַנדערע, וועלכע האָבן פריער אַ שפּײַ געטאָן אין דער האַנט אַרײַן און נאָכדעם זיך אַ כאַפּ געטאָן, אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ און אויפגעהויבן די האַק.

זײַן האַק האָט זיך אַלעמאָל אַרײַנגעביסן אין בוים מיט דעם גאַנצן שטאָלענעם שאַרף. ער האָט געוואָרפן זײַן אויג אויף איין אָרט, איז די האַק שוין אַהין באַלד געפלויגן און זיך ניט אָפּגענאַרט.

און אַז ער האָט דעם בוים אַרונטערגעהאַקט, איז דער סטאַמפּ געבליבן מיט אַ רונדגלאַטן פלאַך, אַזוי ווי מיט אַ הובל אָפּגעהובלט.

און צו די אַלע אייגנשאַפטן האָט ער נאָך געהאַט אַזאַ גוט אויג, אַז מיט איין בליק האָט ער געקענט וויסן, וווּהין דער בוים וועט מוזן פאַלן, אַז מע וועט אים אונטערהאַקן.

און איינמאָל האָט ער גאָר געוויזן אַ קונץ און אומגעוואָרפן אַ גאַנץ רעדל מיט ביימער דורך דעם, וואָס ער האָט איין בוים צו זיי אומגעוואָרפן.

עס איז געווען אין יענער צײַט, ווען די זעגמיל האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין די ניי־ענגלענדער וועלדער און געשניטן פון די שענסטע ביימער און דעמבעס ברעטער און שפּאַלן.

האָט דאָוויד געלט פאַרדינט.

פון דעם און אויך פון דעם ביסל, וואָס זײַנע עלטערן האָבן מיט זיך געבראַכט פון שטאָט, איז געווען גענוג אויף דעם אָרעמען ביסן ברויט, און דערצו האָט מען זיך אײַנגעקויפט אַלע מאָל עפּעס אַן אַנדער זאַך צו דער באַלעבאַטישקײַט.

דאָס האָט מען געקויפט אַ קו, און שפּעטער האָט מען געקויפט אַן אַקער, און נאָך שפּעטער, אַז די שנייען זײַנען אַרונטער פון די פעלדער, האָבן די וואַלדענס געקויפט אַ פערד.

אַלע אָוונט איז דאָוויד אַהיים געקומען פון די ווײַטע וועלדער און מיט זיך געבראַכט דעם רעש פון יענע גרויסע קײַלעכדיקע זעגן אין דער מיל און דעם ריח פון זעגעכץ אין זײַנע קליידער. און ווי אַ מידער גרויסער ריז, וואָס האָט זיך געשלאָגן מיט גראָבע און הויכע ביימער און האָט זיי אַלע בײַגעקומען, האָט דאָוויד געפלאַפּלט האַלב־פאַרשלאָפן און האַלב־שמייכלענדיק אַלע אָוונט נײַע זאַכן.

און אין פרימאָרגן פלעגט ער אַוועקגיין אַ פרישער און אַ פריילעכער. און גייענדיק דענקען, פאַרוואָס זײַנע עלטערן בלײַבן איבער אינדערהיים, פאַרוואָס זײַנען אַלע מענטשן ניט אייביק יונג און פאַרוואָס זאָלן אַלע אין הויז ניט אויפשטיין אינדערפרי, נעמען זייערע העק איבער די אַקסלען און גיין הויך אויפשטעלנדיק זייערע קעפּ, זיך וויגן שטילערהייט צווישן ביימער און לאָנקעס, שפּרינגען איבער פּלויטן און ריטשקעלעך און ניט וועלן קיינעם שטערן די מאָרגנדיקע רו, גיין אַזוי שטיל און זיך וויגנדיק.

• •
•

און דאָווידס עלטערן האָבן זייערע טעג אַלעמאָל מיט עפּעס אַנדערש אויסגעפילט.

זײַנען זיי אַרויסגעגאַנגען אויף שפּאַציר איבער די לאָנקעס, באַטראַכט און אָפּגעמאַכט, אַז דאָ וועט מען פאַרזייען קאָרן און דאָרט וועט מען פאַרזעצן אַ גאָרטן. און מאַן און ווײַב האָבן זיך געקריגס. זי האָט געזאָגט, אַז אַ גאָרטן האָט זי ליב נאָענט פון הויז; וועט זי קענען אי קאָכן אָנבײַסן, אי אַרויסכאַפּן זיך עפּעס טאָן בײַם גאָרטן. ער האָט אָבער באַוויזן, אַז דער גאָרטן באַדאַרף זײַן ווײַט פון הויז. און ער וויים, וואָס ער רעדט. געהאַלטן אַמאָל פעלדער אין פּאָסעסיעס.

אָדער זיי זײַנען גאָר אַוועקגעגאַנגען אין זייער וועלדל אַרײַן און באַטראַכט יעדן בוים. און עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז זיי האָבן אין וואַלד געפונען אַ ווילדן פּרוכטבוים. זי האָט תּמיד געזאָגט, אַז דאָס איז ניט קיין פּרוכטבוים, כאָטש דער אַלטער וואַלדען האָט עס דערוויזן מיט דעם, וואָס אויף די נאַקעטע צווײַגן הענגט

נאָך אַ פּאַרטריקנט עפּעלע, און אויף דער ערד אַרום דעם בוים וואַלגערן זיך נאָך אַ סאַך אַזוינע פּאַרטריקנטע עפּעלעך.

דאָס האָט זיי געבראַכט פרייד אין הויז אַרײַן.

און אינאָװנט, אַז זייער זון איז אַהיים געקומען, האָט דער פּאָטער תּמיד אויסגעכאַפּט און פריער דערציילט דאַװידן פון דעם גליק, וואָס זיי האָבן אין דער ווילדן וואַלד, „איין עפּלבוים!“.

האָט שוין די מוטער ניט געקאָנט איינהאַלטן זיך, איז אַרײַן אין די רייד און צעקלאַפּט די גאַנצע פרייד, ווי מע צעברעכט פּלוצלונג און ניט ווילנדיק אַ גלעזערנע זאַך:

– וואָס איז נאָך דאָ צו פרייען זיך מיט אַן עפּלבוים, אַז ער וואַקסט אין וואַלד?

דאָוויד האָט אויסגעהערט, וואָס זײַנע עלטערן האָבן געזאָגט, זיך געשאָקלט אויפן וויגשטול, דעם קאָפּ אַריבערגעוואָרפן איבער דעם ווענטל פון שטול און האָט געשמייכלט אַזוי ווי אַ פּאָטער, ווען זײַנע קינדערלעך דערציילן פאַר אים עפּעס זייערע אַ מעשׂה.

• •
•

דער ווינטער איז אַוועק, און עס איז געקומען צו לויפן דער קליינער יונגער פרילינג און האָט זיך באַזעצט אין די פעלדער פון טשייפּל היל.

בײַטאָג האָט ער געברענט די איבערגעטריקנטע, אַלטע, צונויפגעפּלאָנטערטע צווײַגן, און די וועלדער זײַנען געוואָרן וואָס אַמאָל דורכזיכטיקער; און דער שניי, וואָס איז געלעגן ערגעץ פאַרבאַהאַלטן, האָט זיך אינגאַנצן צעלאָזן און געשמאָלצן אין לאַנגע, געדרייטע ריטשקעלעך.

אינאָוונט איז דער יונגער פרילינג געזעסן אַ שטומער און זיך אײַנגעהערט, ווי זײַן פויגל האָט געזונגען דאָס לידל פון וויפּ־פּור־וויל—וויפּ־האָ־וויל...

און די ריטשקעלעך אין וואַלד זײַנען אַנטלאָפן, זיך געגאָסן איינער אין אַנ־דערן, זיך אָנגעכאַפּט אינײנעם און געקראָכן איבער די שטיינערנע סקאַלעס, באַרג־אַראָפּ, אין טאָל אַרײַן, אין דעם לאַנגן ברייטן טאָל, וואָס זײַנע וואַסערן באַגעגענען זיך מיט דעם ים.

• •
•

דאָוויד וואַלדען האָט אויפגעהערט צו אַרבעטן אין די ווײַטע, פרעמדע וועלדער און זיך אַ נעם געטאָן צו זײַן אייגענער אַרבעט אינדערהיים.

דאָוויד האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן פערד אין דעם אַקער, האָט די לייצעס פאַרבונדן בײַם עק און זיי אַריבערגעוואָרפן אַרום זײַן האַלדז, אָנגענומען מיט איין האַנט דאָס רעכטע הענטל פון אַקער און אַ געשריי געטאָן צום פערד, אַז עס זאָל גיין.

אַרויפקומענדיק אויף דער לאַנקע, האָט דאָוויד זיך געפילט אַביסל אויפגערעגט און האָט ...ס ניט געוואָלט אַרויסווײַזן זײַנע עלטערן.

– דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן אַקער איך!

נאָכדעם האָט ער געבעטן טאַטע־מאַמע, אַז זיי זאָלן זיך אַוועקשטעלן אין דער לענג פון דער לאָנקע, פּדי ער זאָל האָבן צייכנס, נאָך וועלכע ער זאָל קענען מאַכן אַ גלײַכן שניט אין דער ערד.

דאָס פערד איז ניט געווען צוגעוווינט צו אַזאַ אַרבעט.

דאָוויד האָט שווער געאַרבעט, געהאַלטן מיט איין האַנט דעם אַקער, מיט דער אַנדערער האָט ער געהיט די לייצעס. מיט די אויגן געצילט, אַז דעם פערדס קאָפּ זאָל זײַן אין אַ גלײַכער ליניע מיט זײַן פאָטער און מוטער.

ער איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ שווייס.

און די ערד האָט זיך געקלעפּט צו דעם אַקערמעסער.

אָבער זײַן האַרץ האָט זיך געפרייט, ווען ער איז צוגעקומען צום אַנדערן עק און געזען, אַז ער האָט אויפגעשניטן אַ גלײַכן פּאַס.

טאַטע־מאַמע זײַנען צוגעקומען. די מוטער האָט פאַרלייגט די הענט אויף דער ברוסט, דער פאָטער האָט פאַרלייגט זײַנע הענט אויף הינטן.

אַלע דרײַ האָבן לאַנג געקוקט אויף דעם שוואַרצן גלאַנציקן פּאַס ערד און זיך געפרייט, און אין זייערע אויגן האָט זיך געשפּילט די זון.

דער אַלטער וואַלדען האָט זיך אײַנגעבויגן, אַ נעם געטאָן ווי אַ שמעק־טאַבאַק מיט צוויי פינגער אַ ביסל ערד, עס צעריבן און געזאָגט:

— די ערד איז גוט פאַר קאָרן.

דאָוויד וואַלדען האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין דעם ים פון זײַן אַרבעט, וועלכע ער האָט אַליין אָנגעהויבן אויף זײַן נײַער היים, מיט זײַן לײַב און זעלע.

צוגעטראַכט אַלע טאָג נײַע זאַכן און זיי מיט אַן אײַזערנער עקשנות גלײַך נאָכדעם אײַנגעפירט.

אַלע אינדערפרי, איידער די זון איז נאָך אויפגעשטאַנען, האָט שוין דאָוויד אָנ־געהויבן זײַן טאָג־אַרבעט.

און ערשט שפּעט אינאָוונט, ווען סע איז שוין געוואָרן בלאָ און קיל אינדרויסן, האָט ער זײַן אַרבעט געענדיקט.

אָבער ער האָט אַליין ניט באַמערקט, ווי די אַרבעט האָט זיך בײַ אים קיינ־מאָל ניט געקענט ענדיקן גאָר גוט און פול. עס איז אַלעמאָל בײַ אים פאַרבליבן פון הײַנט אויף מאָרגן עפּעס ניט געענדיקט.

די ערד איז געווען אָרעם. מע האָט יאָר־אײַן, יאָר־אויס פון דער ערד געצויגן און איר גאָרניט צוריקגעגעבן.

האָט דאָוויד ניט געקענט דאָס ערשטע יאָר אומקערן דער אָרעמער ערד זײַנער דאָס, וואָס אַנדערע האָבן בײַ איר אויסגעזויגן.

נאָר זײַן געשמאַק און זײַן מי האָט ער אין דערדאָזיקער אַרבעט אַרײַנגעלייגט.

און אַז די קערנדלעך האָבן אָנגעהויבן צו שפּראָצן פון דער ערד אַרויס, האָט דאָוויד זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד און זיך לאַנג אַרײַנגעקוקט, ווי אַזוי דאָס

גרינע שפּיציקל קריכט פון דער ערד אַרויס, און מורא געהאַט, אַז דאָס שפּיציקל איז ניט פון די קערנדלעך, וועלכע ער האָט פאַרזייט.

האָט ער אַזוי לאַנג געקוקט אויף די גרינע שפּיציקלעך, ביז ער האָט אַליין מיט זײַנע אויגן געזען, ווי ס׳פּיקט זיך די ווייכע ערד און ווי סע שטופּט זיך אַ שמאָל בלעטעלע העכער און העכער.

די טעג זײַנען געווען ווײַסע און ליכטיקע און דאָווידן האָט זיך געדאַכט, אַז ער פליט אַרום ווי אַ פויגל אַרום די האָרי׳אָנטן, און אָט וועט ער אַרונטערנידערן און אײַנטונקען זײַנע פיס אין דעם ווײַטן פאַס פון ים.

ער האָט זײַנע פערד און קו אויך אַרויסגעלאָזן איבער די אָפּגעשניטענע לאָנקעס, איז אַרײַן אין שטאַל, באַטראַכט דאָס אָפּגעשניטענע היי און שטרוי און נאָכדעם צוריק אַרויס אויף די צעגראָבענע לאָנקעס, פונוואַנען ער האָט שוין געהאַט אַרויסגענומען אַלץ, וואָס די ערד האָט נאָר געקאָנט אַרויסגעבן.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף דער לאָנקע קעגן דער זון און זיך אײַנגעקוקט, ווי אַזוי דאָס פערד קנײַפּט די נידעריקע גראָזן, שטעקט אַרויס זײַן צונג, פאַרנעמט אַלע גרעזעלעך אין איין בינטעלע און בײַסט עס נאָכדעם אָפּ מיט די ציין.